## תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# מן הבאר ההוא ישקו העדרים

**פרשת פנחס**



## כיתה ח' (א-ב)

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**
**הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו**

בס"ד

# חידו"ת לפרשת פנחס

**פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן וכו'**, איתא במדרש רבה אמר הקב"ה בדין הוא שיטול שכרו, והביאור בזה הוא דהא לכאורה לא מגיע שכר לפנחס דהא איתא במס' קידושין (לט:) שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אלא שבאמת יש שני טעמים למה אין מקבלין שכר על מצוה בעולם הזה, אחד שמא יחטא האדם אח"כ, ונמצא דעבירה מכבה מצוה, ושנית דכמו שאין נענשין על מצות עשה כך אין מקבלין שכר על מצות עשה, והנה איתא במס' אבות (ה, יח) כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו, וגם איתא בחז"ל במס' מנחות (מא.) הא דאין מענישין על עשה היינו דוקא בזמן שאין חרון אף בעולם אבל בזמן ריתחא ח"ו ענשינן אף על עשה, ולכן בעידן ריתחא מענישין על מי שאינו לובש ציצית כראוי. ובזה נבאר המדרש פינחס בן אלעזר וכו' השיב את חמתי מעל בני ישראל, וממילא נמצא שהי' מזכה את הרבים וא"כ אין חשש שיבא חטא על ידו כנ"ל, וממשיך הפסוק בקנאו את קנאתי שאז היה עת כעס וקנאה לפניו ית', נמצא שאז מענישין אף על עשה, וממילא כמו כן בעידן ריתחא מקבלים שכר גם על עשה, נמצא דאצל פנחס בטלו השני טעמים דלמה אמרינן בכל מקום שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, דזיכה את הרבים וממילא אין חטא בא על ידו וגם הי' בעידן ריחתא, ולכן אמר המדרש בדין הוא שיטול שכרו.

**(מאיר עיני חכמים)**

**לאזני משפחת האזני**, זאגט רש"י אומר אני שזו משפחת אצבון, ואיני יודע למה לא נקראת משפחתו על שמו. איז באקאנט די ווערטער פונעם של"ה הק' וואס איז מסביר פארוואס הייסט משפחת אזני מיטן נאמען אצבון, ווייל די גמרא (כתובות ה:) זאגט פארוואס זענען די פינגער פון א מענטש רונדיג, כדי אויב ער וועט הערן א דבר שאינו הגון זאל ער קענען מיט די פינגער פארשטאפן די אויערן. און דאס איז די שייכות פון אזני (אויערן) מיט אצבון (פינגער). איז מסביר דער חתם סופר פארוואס קודם האט ער טאקע געהייסן אצבון און נאר יעצט רופט מען אים אן אזני, נאר וויבאלד שבט גד זענען געווען שכנים מיט שבט ראובן און שמעון, וואס אין זיי איז געווען

בס"ד

דתן און אבירם און די ר"נ איש וואס האבן זיך געקריגט מיט משה רבינו, און אויך זמרי בן סלוא, האט שבט גד געדארפט צושטאפן זייערע אויערן כדי זיי זאלן נישט הערן די לשון הרע, כדי נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך זיי, וועגן דעם האט ער זיך קודם גערופן 'אצבון', ווייל ווילאנג די שלעכטע מענטשן האבן געלעבט, האבן זיי זיך געדארפט פארשטאפן די אויערן, אבער יעצט ווען אלע זענען שוין געשטארבן, און עס זענען געבליבן נאר די ערליכע אידן, האט ער שוין געקענט אראפ נעמען די פינגער פון די אויערן, און ער האט זיך גערופן 'אזני'.

**ושעיר עזים אחד לחטאת**, וברש"י אי' אמר הקב"ה הביאו עלי כפרה על שמיעטתי את הירח. וקשה דאם הקב"ה כביכול צריך כפרה על שמיעט את הירח, א"כ למה נצטוו בני ישראל להביא את הכפרה.

ויל"פ דהנה הלבנה קיטרגה לפני הקב"ה אי אפשר לשתי מלכים שישתמשו בכתר אחד וא"ל הקב"ה לכי ומעטי את עצמך, ולכאורה הו"ל להקב"ה להרבות אור החמה, אך י"ל כמ"ש רש"י בפר' בראשית דראה הקב"ה שאין העולם כדאי לשמש באור גדול וגנזו לצדיקים לעתיד לבוא, ומשו"ה לא הי' יכול להרבות את אור החמה מפני שאין העולם כדאי לזה ולכן הוצרך למעט את הלבנה, וז"ש הקב"ה לבני ישראל הביאו עלי כפרה, שאתם צריכים להביא כפרה, כי בשבילכם מיעטתי את הירח, שאם הייתם במדריגה נעלה וגבוה הייתי מרבה אור החמה ולא להמעיט הלבנה.

**(לחמי תודה)**

**פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי וכו' לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום**, ובמדרש בדין הוא שיטול שכרו, וצ"ב. וי"ל עפי"מ דאמרינן בגמ' דילפינן לתחיית המתים מק"ו מאי דלא הוה הוה מה דהוה לא כ"ש שיקומו לתחי' ובדרכי תשובה פי' בזה נוסח הברכה ועתיד לחזור ולהחיותכם בדין היינו מכח הק"ו (מלשון חז"ל והלא דין הוא) ובספר חסידים מפרש במה דמיחסו לפנחס אחר אהרן כי פנחס פרחה נשמתו באותה שעה וניתנה לו נשמת נדב ואביהוא ולזה נקרא בן אהרן וע"ז קאמר המדרש על פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן דייקא דלכאורה איך נעשה אצלו בחינת תחיית המתים ונכנסה בו נשמת בני אהרן ע"ז אמר "בדין" הוא שיטול שכרו פי' ע"י הק"ו הנ"ל דמאי דלא הוה הוה וכו' ובזכות זה יטול שכרו לתחה"מ .

**(אלופי יהודה)**

# הילולא דצדיקיא

## הגה"ק רבי **אלעזר מריישא** זי"ע – נכד בן אחר בן מהרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע

### ט"ו תמוז

ווען ער איז געווען א איידעם בזיווג ראשון אין קשאנוב (כשנשא את בתו של הגה"ק רבי דוד מקשאנוב ז"ל בן מרן הדברי חיים ז"ל), ער איז געווען אין צאנז ביים זיידן ביים דברי חיים און ער האט געגעסן דארט קעסט, און דער דברי חיים האט אים זייער מקרב געווען אלץ רבי ר' אלימלך'ס א אייניקל

איינמאל ווען דער דברי חיים האט געפירט טיש – דער דברי חיים האט דאך געפירט טיש יעדן טאג – האט ער אנגעהויבן צו זאגן אזוי 'מיר האבן געהאט היינט א שווער קוויטל, מיר האבן אויסגעבעטן געלט, וואס דארפן מיר דען געלט? נאר אז מיר האלטן אוים אייניקלעך וואס זיצן און לערנען, וועגן דעם דארף מען דאך האבן געלט', אזוי האט ער געזאגט, אפשר האט ער געוואלט אזוי ממשיך זיין די ישועה, על כל פנים אזוי האט ער געזאגט.

רבי אלעזר ריישער איז אויך געזעסן דעמאלטס ביים טיש, און ער האט געהערט וואס דער צאנזער רב זאגט אז מ'דארף געלט צו קענען געבן פאר די אייניקלעך, טראכט ער ביי זיך 'וואס וועט שוין פאר מיר אויסקומען פון דעם געלט, אפשר עפעס א האלבער גרייצער?!' דער דברי חיים האט איהם תופס געווען די מחשבה, און האט געהאלטן אז ער שטערט אים מיט זיין עבודה, מיט דעם וואס ער מאכט אזוי אוועק זיינע ווערטער, האט ער איהם אנגעקוקט מיט א שטרענגן בליק ווי איינער זאגט 'וואס שטערסטו מיר מיינע ענינים', און דער דברי חיים איז געווארן זייער ערנסט און זיך צוקאכט און געהייסן אריין ברענגען מים אחרונים און דעם כוס צום בענטשן.

רבי אלעזר ריישער האט באלד פארשטאנען אז דא האט ער מיט זיין טראכטן קאליע געמאכט, האט ער מורא געהאט צו באווייזן זיין פנים פאר'ן זיידן דער דברי חיים, אזוי האט ער זיך אוים באהאלטן אפאר טעג. אבער ער האט נישט געקענט צו לאנג זיך אוים באהאלטן, האט ער באשלאסן אז ער מוז די זאך מסדר זיין, הכלל, איז ער אריינגעקומען צום דברי חיים און געזאגט 'זיידע, איך וועל שוין זיין וואויל, איך וועל שוין תשובה טוהן', רופט זיך אן דער דברי חיים 'אזוי? איך וויל אויך שוין זיין וואויל, איך וויל אויך תשובה טוהן, קום לאמירביידע צוזאמען תשובה טוהן'.

אמאל איז רבי אלעזר ריישער געזיצן צוזאמען מיטן שינאווער רב, און איינער וואס האט געהאט א חולה איז אריינגעקומען און זיך געזעגנט ביים שינאווער רב, דער שינאווער רב האט אנגעוואונטשן 'א רפואה שלימה', האט זיך רבי אלעזר ריישער אנגערופן בפניו, 'נאך היינט נאכט וועט זי ח"ו...', האט זיך דער שינאווער רב צושמייכלט, און געזאגט 'נו, וואס זאגט איר?', האט ער געגעבן א רפואה – רויטע קרייד – און געזאגט אז מ'זאל דאס געבן פאר'ן חולה און אזוי וועט זי האבן א רפואה.

מ'דערציילט אז ער האט געהאט באקומען פונעם דברי חיים (בליל התקדש חג הפסח שנת תרל"ו) כוס של ברכה, און פון דעם וויין פלעגט ער אסאך מאל געבן פאר איינעם וואס האט גענדארפט א ישועה.

ס'איז אויך דא א בריוו פון רבי אלעזר ריישער וואס ער שרייבט פאר איינעם וואס ער האט אים געשיקט פון די וויין, שרייבט ער דארט 'די וויין איז די בעסטע רפואה, און אויב וועט ענק איינער זאגן אז ס'איז דא נאך אזא וויין, טעות הוא בידו'.

נאך האב איך געהערט פון רבי חיים הערש יאקאבאוויטש, אז רבי אלעזר ריישער איז אמאל געזעסן צוזאמען מיטן שינאווער רב, דעמאלטס איז געווען די מעשה מיט א דיבוק וואס דער שינאווער רב האט ארויס גענומען פון א מענטש, זיצנדיג אזוי צוזאמען זאגט דער שינאווער רב 'ווייסט איר רבי אלעזר, מיר האבן ארויס געיאגט א דיבוק פון א איד", זאגט רבי אלעזר "אויך מיר א קונץ, לאמיר זען ווי איר קלאפט ארוים א דלות פון א איד...'

א פרווי האט געליטן אויף די אויגן ל"ע, איז זי אריין מיט א קוויטל צו רבי אלעזר ריישער, זי איז געבליבן שטיין ביים עק טיש, און דער גבאי האט צוגעטראגן דאס קוויטל, פרעגט ער איר וואס איז די בקשה, האט זי געזאגט אז זי ליידט אויף די אויגן, רופט ער זיך אן בבדיחותא 'איך לייד אויך אויף די אויגן, כ'האב נאך היינט נישט געזען א גרייצער פאר די אויגן...'.

**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

שולחן מלכים פ' נשא בשיחה עם הרה"ג ר' יעקב דוד האלבערשטאם שליט"א מו"ץ העדה החרדית ירושלים ת"ו וראש כולל תולדות אלעזר ע"ש הרה"ק רבי אלעזר מק"ק רישא ז"ל – יום ג' פרשת ויקרא תשע"א לפ"ק